**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט שיכור'ע דרייווען אינפארסירונג קאמפיין דורכאויס 'סופער באָול' סוף וואך

***פארמערטע אינפארסירונג קאמפיין צייט אפשניט צו לויפן פון פעברואר 10 ביז פעברואר 13***

***מער פון 900 ארעסטן פאר DWI און 26,000 טיקעטס ארויסגעגעבן אין לויף פון 2022 קאמפיין***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז סטעיט און לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן אריבער גאנץ ניו יארק וועלן פארמערן פאטראלן און ציהלן שיכור'ע דרייווער דורכאויס די 'סופער באָול' סוף וואך. די אינפארסירונג קאמפיין וועט לויפן פון פרייטאג, פעברואר 10, 2023, ביז מאנטאג, פעברואר 13, 2023. דער זיכערהייט איניציאטיוו איז געאייגנט צו רעדוצירן אלקאהאל און דראָג פארבינדענע טראפיק צוזאמשטויסונגען. עס ווערט געספאנסארט דורך STOP-DWI מיט פינאנצירונג פון די [גאווערנער'ס טראפיק זיכערהייט קאמיטע (Governor's Traffic Saftey Committee, GTSC)](#).

"מיר ווילן אז יעדער איינער אויף ניו יארק'ס שאסייען זאל זיין זיכער אזוי ווי איר קומט זיך צוזאם מיט פריינט און פאמיליע צו זעהן די 'סופער באָול', און דאס איז די סיבה פארוואס געזעץ אינפארסירונג וועט זיין אינדרויסן זוכנדיג שיכור'ע און סכנות'דיגע דרייווערס", האט גאווערנער האקול געזאגט. "מאכט א פלאן - נעמט אויף א טאקסי, באשטימט א דרייווער צו פארמיידן די טויטליכע קאנסעקווענצן פון דרייווען שיכור'ערהייט און האלטן אייערע ניו יארקע שכנים פארזיכערט."

דורכאויס די קאמפיין אין 2022 האבן געזעץ אינפארסירונג אריבער די סטעיט ארויסגעגעבן 27,398 טיקעטס פאר קאר און טראפיק געזעץ פארלעצונגען, אריינרעכענענדיג 919 ארעסטן פאר DWI. פולקאמע צוטיילונג ווי פאלגענד:

| פארלעצונג | צאל טיקעטס |
| --- | --- |
| שיכור'ע דרייווען | 919 |
| אומאויפמערקזאמע דרייווען | 859 |
| זיך נישט אריבעררוקן פאר עמערדזשענסי קארן | 102 |
| אנדערע פארלעצונגען | 18,898 |

| | |
|---|---|
| סיעטבעלט | 694 |
| ספּיעדינג | 5,926 |
| **אלעס צוזאמען** | **27,398** |

**ניו יארק DMV קאמישאנער און GTSC טשעיר, מארק דזש. פּ. שרעידער, האט געזאגט,** "איך וואלט פיל ענדערש געוואלט זיצן און האפן פאר די הצלחה פון מיין היימשטאט'ס טיעם, די Buffalo Bills — די 'סופּער באָול' איז א געוואלדיגע צייט צו זיין מיט אייער פאמיליע און פריינט. שיכור'ע דרייוועןאיז 100 פראצענט פארמיידליך, און יעדער דרייווער קען זיין דער 'MVP' אויסגעצייכנטער שפילער דורכן דרייווען פאראנטווארטליכערהייט און פלאנירן פון פאראויס צו אנקומען צו אייער דעסטינאציע זיכערערהייט."

**ניו יארק סטעיט פאליציי צייטווייליגער סופּעראינטענדענט, סטיווען א. ניגרעלי, האט געזאגט,** "די פארוואונדעטע און טויטפעלער וואס ווערן פאראורזאכט דורך שיכור'ע דרייווער זענען אינגאנצן פארמיידליך. אויב אייער פלענער פאר די 'סופּער באָול' רעכענען אריין צו טרונקען אלקאהאל, מאכט א פלאן צו אנקומען אהיים זיכערערהייט. עס איז פשוט נישטא קיין שום תירוץ זיך צו זעצן הינטערן רעדל אויב איר זענט אנגעטרונקען אדער אונטער די איינפלוס, און מיר וועלן נישט ארויסווייזן קיין שום טאלעראנץ. די ניו יארק סטעיט פאליציי וויל אז יעדער זאל הנאה האבן פון די 'סופּער באָול' סוף וואך — ביטע טוט דאס מיט אחריות."

**אסינינג פאליציי דעפּארטמענט טשיעף און פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט פארבאנד פון פאליציי טשיעפס, קעווין סילוועסטער, האט געזאגט,** "מיר קוקן ארויס צו די 'סופּער באָול' זונטאג, ווען פאמיליע און פריינט וועלן זיך צוזאמקומען און פארברענגען צייט צוזאמען. מיר מוטיגן יעדער דרייווער זיך צו אויפפירן מיט אחריות, צו רעספּעקטירן אונזערע שכנים און דרייוועןניכטער. קיינער קומט נישט ארויס א געווינער ווען איר טרונקט און דרייווט."

**אלבאני קאונטי שעריף און פרעזידענט פון די ניו יארק סטעיט שעריף'ס פארבאנד, קרעיג עפּל, האט געזאגט,** "עס וועלן זיין גראנדיאזע מאמענטן דורכאויס די 'סופּער באָול' שפּילן, און איר האט אויך א געלעגנהייט צו מאכן א גראנדיאזע מאמענט דורכן נישט דרייווען שיכור'ערהייט. אויב איר זענט פארמישט אין אן עקסידענט אדער אויב איר ווערט אפּגעשטעלט דורך די פאליציי בשעת'ן דרייווען שיכור'ערהייט, קענט איר נישט רופן פאר א 'טיים-אַוט'. די שעריפס פון ניו יארק סטעיט ווילן אז איר זאלט זיין די MVP פון די 'סופּער באָול' סוף וואך דורכן האבן א פלאן צו אנקומען אהיים זיכערערהייט און נישט דרייווען שיכור'ערהייט."

א גרויסער שטאנדטייל פון ניו יארק׳ס באמיאונגען צו באקעמפן אומפעאיגע דרייוו׳ען איז דער STOP-DWI פראגראם. STOP-DWI איז טייטש ״ספעציעלע טראפיק אפציעס פראגראם פאר דרייוו׳ען פאר׳שיכור׳ט.״ דער סטעיט׳ס STOP-DWI פראגראם איז דער לאנד׳ס ערשטע זעלבסט-אויסהאלטעוודיגע אומפעאיגע דרייוו׳ען פראגראם. די פראגראם׳ס באמיאונגען זענען פינאנצירט פון די שטראף-אפצאל סומעס געצאלט דורך אומפעאיגע דרייווערס וועלכע ווערן געפונען שולדיג. וויכטיג צו באטאנען אז דער פראגראם׳ס קאארדינאטארן באשטייען פון פארשידנמיניגע פראפעסיאנעל הינטערגרונדן, אריינגערעכנט געזעץ אינפארסירער און נישט-געזעץ אינפארסירער.

דער STOP-DWI פראגראם איז געשאפן געווארן צו באפולמעכטיגן קאונטיס צו קאארדינירן ארטיגע באמיאונגען צו רעדוצירן אלקאהאל און אנדערע דראָג-פארבינדענע טראפיק קראכן. אלע 62 קאונטיס האבן אויסגעוועהלט אנטיילצונעמען. טיילביישפילן פון פראגראמען וועלכע ווערן פינאנצירט דורך STOP-DWI זענען ספעציעל טרענירטע פאליציי איינהייטן געווידמעט פאר DWI אינפארסירונג;

אויפנעמען ספעציעלע פראקורירער און פראבעישען אפיצירן צו באהאנדלען די הויכע מאס פעלער; נאכפאלגן 'איגנישען אינטערלאק' כלים; שטיצן ריהעביליטעישען סערוויסעס; און ארויסקומען מיט פובליק אינפארמאציע און אויפקלערונג קאמפיינען ספעציעל פאר יעדע קאמיוניטי אין זייערע ראיאנען. צו לערנען מער, באזוכט http://www.stopdwi.org/.

אין צוגאב צו STOP-DWI, שטיצט דער GTSC טרענירונג פאר דראָג אנערקענונג עקספערטן (DRE). DRE׳ס זענען ספעציעל טרענירטע אפיצירן אויסגעניצט דורך געזעץ אינפארסירער ווען א דרייווער זעט אויס צו זיין אומפעאיג, אבער פאליציי האבן אויסגעשלאסן אלקאהאל אלס דער הויפט אורזאך פון אומפעאיגקייט. א DRE באקומט ברייטע טרענירונג וואס איז געווארן באשטעטיגט דורך דער נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע און דער אינטערנאציאנאלע אסאסיעשען פון פאליציי שעפס. די טרענירונג ערמעגליכט פאר אפיצירן צו אבזערווירן און דאקומענטירן צייכנס און סימנים פון אומפעאיגקייט אינערהאלב יעדע פון זיבן דראָג קאטעגאריעס אריינגערעכנט אומלעגאלע און פרעסקריפשען מעדיצינען.

ניו יארקער וועלכע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען, אדער וועמענס באליבטע מוטשענען זיך מיט אן אדיקשען, קענען טרעפן הילף און האפענונג דורכן רופן די סטעיט'ס אומזיסטע, 24 שעה א טאג, 7 טעג א וואך HOPE האטליין אויף 1-877-8-HOPENY (1-877-846-7369) אדער דורכן טעקסטן צו 467369 (וואס שטייט פאר HOPENY).

אדיקשען באהאנדלונגען וואס זענען דא צו באקומען – אריינרעכנענדיג עמערדזשענסי/דיטאַקס, אין-פעישענט, פלעצער אין די קאמיוניטי וואו פאציענטן וואוינען אדער אַוטפעישענט קעיר – קענען געפונען ווערן דורכן נוצן די NYS OASAS באהאנדלונג אוועילעביליטי דעשבאָורד אויף FindAddictionTreatment.ny.gov אדער דורך די NYS OASAS וועבזייטל.

פאר מער אינפארמאציע איבער די GTSC, באזוכט https://trafficsafety.ny.gov/ אדער פאַלאָוט די GTSC שמועס אויף Facebook און Twitter.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418